בעזהש"ת

## ספר

# מלחמות השם

## חלק כ"ה

## מדור אזהרות לפסח

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת**
**שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

# מדור אזהרות לפסח

א) אויב די כשרות פראבלעם אין אונזער וועלט שטאט ניו יארק איז אין אַלגעמיין א גאנץ יאָר זעהר אַ פארוויקעלטע און זעהר אן אנגעוועהטאגטע, ווערט זי נאך מער קאמפליצירט אין פארשארפט ווען עס קומט אן דער הייליגער פסח, דוקא פסח ווען עס האַנדלט זיך פון אַ משהו חמץ ווען יעדער איד וואָס אפילו אַ גאנץ יאר איז ער ניט אזא מדקדק און נזהר אין כשרות, וואלט ער אבער וועלען אז פסח זאל זיין אלעס ביי אִיהם מיט'ן גרעסטען הידור כשרות.

און דוקא ביי דעם גרויסען און שטרענגען יו״ט אנשטעהט אזא טומעל אזא תהו ובהו וועגען כשרות אז עס איז כמעט ווי אוממעגליך זיך צו פונאנדערקלייבען, אין דער רעזולטאט איז אז אפילו פרומע אָפגעהיטענע אידען וואס זייערע טאטעס און זיידעס וואלטן נישט געהאט דעם מינדעסטען געדאנק אין יו״ט פסח, צו ניצען אין אריינברענגען אין שטיב פארטיגע עסענס אפילו מיטען פרומסטען הכשר ניטאמאל פאר קליינע קינדער, אין היינט ליידער איז דאס אזוי גרינג.

ב) געדענקט חשובע אידען אין פסח איז אפהענגיק דער צוקונפט פון דעם קומענדיקן יאר **לטובה פאר אייך מיט אייערע קינדער**. אזוי ווי דער קדוש האריז״ל זאגט עדות, אז דער וואס איז נזהר פון אַ משהו חמץ, מעג ער זיין זיבער אז ער וועט דאס יאר נישט זינדיגען.

דאס איז גערעדט פין גאר וויכטיגע לעבנס מיטעל. אבער מותרות (געבעקס, טשאקאלאד, סאדעס,) וואָס מען קען זיך באגיין אָהן דעם איז נישט געקימען אפילו אין באטראכט צי ניצען ביי מדקדקים אינדערהיים.

ג) רבותי מען נארט זיך אליין, מען פראָבירט זיך איינרעדען אז מען האלט אָן די מנהג ישראל [אידישע פירונג] אז פסח מישט מען זיך נישט, יעדער עסט נאר ביי זיך, דער טעם פון מנהג איז ווייל יעדער האט זיך זיינע אייגענע חומרות וכדומה, אט דער ועלביגער וואס איז שטאַרק מקפיד נישט צו עסען ביי יענעם, דערגעגן קויפט ער פאַרשידענע עסען אדער געטראנגען פארטיגע איז דאך דאס נאך ערגער ווי מישען זיך, ווייל יעדער פארשטייט אז אַ פאַבריקאַנט איז וועגן ביזנעס זיך מער מקיל אין סאך זאַכען, ווי איינער וואט קאָכט אליין ביי זיך אין שטיב, איז דאך דאס אַ סתירה, דא וויל ער נישט צירירען פין יענעם, אפילו ער זאל בלייבען הינגעריק, אבער פון געשעפט קויפט ער אלע פראָדוקטען, (לליינט ווייטער או׳ ו׳ פין סאבאטשובער רבי׳ן די חסרונות פון קויפן פארטיג).

ווער רעדט שוין פין די חומרא וואס אנשי מעשה האבן נישט געגעסען אפילו וואס מען קאכט אין שטיב נאר די מינדעסטע, פין דעם האלט מען נאך גאר ווייט.

ד) בפרט דער וואס לויפט נאָך דעם שענסטען אתרוג, פיצט אויס שיין די סוכה, קויפט אַ שיינעם טלית וכיוצא, דארף ער אויך זעהן אויסצופיצען דעם יו"ט פסח, אין דאס מיט די שטרענגסטע זהירות אין חומרות אין אלערליי עסען, אין אַוודאי נישט קויפען.

ה) מיר מיזען באטאָנען אז ב"ה לא אלמן ישראל אין עס געפינען זיך אידען מדקדקים וואס קויפען נישט, אפילו זייף פארטיגע, [עס איז אַ קליינינקייט אליינס צו מאכען] עסענ׳ס איז שוין אָפגערעדט, אבער פון דעם איז דא ליידער גאר געציילטע, פארוואס זאָל דאס זיין אזוי?

ו) אין איינוועגס ווילען מיר מעורר זיין אויף דעם וואס ווערט געברענגט אין ש"ע (ת"ס ס"ב, חק יעקב, הגר"ז, מ"ב כה"ח, שם) עס געבירט זיך דאָס יעדער זאל זיין דערביי ווען מען באַקט זיינע מצות אין אליינס צי העלפען, דער הייליגער סאָכטשובער זצ"ל (אבני נזר שעב׳) שרייבט פאלגענד:

איך האב געהערט אז עס איז איינגעריסען שטארק אין טייל שטעט דאָס נישט יעדער איינער באַקט מצות פאר זיך נייערט איינער באקט אין פארקויפט [אזוי ווי היינט], אין דאָס איז מיר זייער שלעכט געפאלען ערשטנס ווייל די הלכות פון מצות זענען זעהר פיהל אין אויב יעדער באַקט פאר זיך גיט מען אכטונג אלעס זאל זיין געהעריג הונדערט פראָצענט, אַנדערש איז אבער אויב איינער באקט פאר ביזנעס [אַ בעקעריי] איז זיין גאנצע שטרעבן צי שפארען געלט, אין גיט נישט אזוי אכטונג אויפן באַקען.

פארוואָס זאלען מיר זיך נישט אָנשטרענגען אויף אזא באליבטע מצוה וואָס קומט פסח איינמאל אין יאר, דעריבער זאל מען דרשנען ברבים אז דער וואס פארבאט זיך פארן באשעפער זאל ער זיך פירען אזוי ווי אונזערע טאטעס אין זיידעס, אין יעדער זאל באקען מצות פאר זיך, אין זיך פרייען מיט די מצוה.

אין ער מעג זיכער זיין אַז די מצוה וועט אים ביי שטיין ראש השנה ביים יום הדין אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק, [דאס זענען די רייד פון דעם אויבנדערמאָנטען צדיק זי"ע].

ז) דאָס איז אויך אַ מוסר אין אנווייזונג אויף אנדערע עסענ׳ס וואס מען קויפט פארטיג אַ גאנץ יאר אין כ"ש פסח, אז דער ביזנעסמאן לייגט די גאנצע געוויכט ארויסצוגעבען די ווארע ביליג, אין צי בעטען אסאך, צוליב דעם איז ער גרינג אין געוויסע הארבקייטען, וואָס מען מאכט ביי זיך אין שטיב דאס דארף מען עסען, אין נישט מער.

ח. אויך ווילען מיר מעורר זיין אויף פסח אין אַגאנץ יאר אז מען האלט פסח גרינג צי פארלאזען זיך אויף געוויסע שאלות וואס דער חבר אָדער שכן האט אויך געהאט, אין דער דיין ומו"צ האט יענעם געפאסקענט כשר איז במילא פאר אים אויך כשר, דאַרף מען וויסען אז מען טאָר זיך אויף דעם נישט פארלאָזען, ווייל טיילמאָל זענען געוויסע טיילען אַנדערש געווען ביי יענע שאלה, וואס טיט במילא ענדערן דעם הלכה ביי די שאלה.

בעזהשי"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק כ"ד

## הוראה לקונה טלית

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת**
**שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

